B0000005482677

אברהם סוצקעווער

# לידער פון געטאָ

איקוף פארלאג

800.000=

1

13
15
26

אברהם סוצקעווער

# לידער פון געטאָ

איקוף פארלאג

Нацыянальная
бібліятэка
Беларусі

PRINTED IN U. S. A.

געדרוקט אין 2,000 עקזעמפּלאַרן

1946

ABRAM SUCKEVER

LIEDER FUN GETTO

New York 3, N. Y., Ycuf

209



**אברהם סוצקעווער**

געצייכנט פון יאַנקל אַדלער, 1937.

# אינהאַלט

זייט


| | |
|---|---|
| צו די לייענער—פון איקוף־פאַרלאַג | 5 |
| אַ שטים פון האַרץ | 7 |
| ביי אַ וואַרעמען בערגעלע | 8 |
| די שאַרפע ליפּן | 9 |
| די גראָע קרוין | 10 |
| צוויי סטראָפן | 11 |
| יעדע שעה, יעדער טאָג | 12 |
| גלוסט זיך מיר צו טאָן אַ תפילה | 13 |
| פאַרברענטע פערל | 14 |
| בלעטלעך אַש | 15 |
| צום קינד | 16 |
| ווי אַזוי ? | 18 |
| נאָכן טויט | 19 |
| זאַנגען | 20 |
| אויפן טויט פון יעקב גערשטיין | 22 |
| יהואש | 24 |
| פאַרנאַכט | 26 |
| קערנדלעך ווייץ | 27 |
| דער דיכטער | 29 |
| דער נביא | 30 |
| ביסט דאָ | 31 |

# אַ שטים פון האַרץ

אַ שטים פון האַרץ באַפעלט מיר: גלייב
אין שוין פאַרשוועכטן וואָרט גערעכטשאַפט.
דער ווייטער יורש פון אַ לייב
מוז ווידערשפעניקן זיין קנעכטשאַפט.

ס'איז דאָ אַ גאַנג. עס ליגט זיין ציל
אין ווילדן אורוואַלד פון זכרון.
ס'איז אויך פאַראַן אַזאַ באַציל,
וואָס טראָגט דעם סם פון טויזנט יאָרן.

און זוכסטו פאַר דיין פיין אַ זין —
פאַרוואַנדל זיך אין איר אַנטפלעקער,
און הער ווי זיידעס וועקן זין
ווי שטורעם־העק אין בראַנדז פון גלעקער.

ס'איז דאָ אַ גאַנג. איז קלעטער, שפּרייז,
קויף־אויס דעם דורותדיקן שטרויכל.
דער טויט איז מוחל יעדן גרייז,
נאָר זיין אַ קנעכט איז ער ניט מוחל.

22 יולי, 1941.

# ביי אַ וואַרעמען בערגעלע

ביי אַ וואַרעמען בערגעלע פערדישע מיסט, —
וואַרעם איך, וואַרעם די אייזיקע הענט.
איך וואַרעם די הענט און אין האַרץ מיך פאַרדריסט:
צו ווינציק ביז איצטער פאַרנומען, דערקענט,
די גרייסקייט פון קליינקייט . . .
ס'קען טרעפן, אַז אויך
פון אַ בערגעלע מיסט אַט דער וואַרעמער הויך,
זאָל ווערן אַ ליד אין דערהויבענער שיינקייט.

15 דעצעמבער, 1941.

# די שאַרפע ליפּן . . .

די שאַרפע ליפּן האָבן מיך געגראָבן ווי אַ רידל,
אַרויסגעגראָבן פון מיין גייסט פאַרשאָטענע בריליאַנטן...
און וואָלסטו ניט געאַקערט, וואָלט איך זיין אַ שטומע פידל
מיט אַ קלאַנגען־ים אָן אומבאַקאַנטן.

און ניט איך וואָלט געוואוסט מיין גרויס פאַרמעג
פאַרזיגלט אונטער יאָרנדיקע שיכטן,
און ניט איך וואָלט געזען אין זיך דעם אָפּשפּיגל פון טעג,
ווי עס זעט אַ נאַכטיק וואַסער שוימענדיקע ליכטן...

רונד אַרום איז ערד־געטרייסל, צוגעגרייטער טרויער,
נאָר אינמיטן איז פאַרפלעקלט אונדזער טריי געצעלט.
עס האָט דיין ליבשאַפט ווי אַ טויב געוואָרקעט מיר אין אויער:
„אָ, לאָמיר, אָפּגעצוימט פון וועלט, באַשאַפן דאָ אַ וועלט!“

15 פעברואַר, 1943.

# די גראָע קרוין

ס׳האָט ניט געדויערט מערער ווי אַ פינטל מיט די אויגן,
נאָר ס׳איז געווען גענוג די וועלט זאָל אונטערגיין. און גלייך —
האָט איבער שוואַרצע מיידל־האָר אַ גראָקייט זיך באַצויגן
ווי לייכטער וואָלקן, וואָס פאַרדעקט די כוואַליעס אויף אַ טייך.

דערנאָך האָט אין איר שמייכל זיך צוריק די וועלט געלייטערט,
ווען כ׳האָב געקושט איר אַקסל וואו ס׳האָט דורכגעהאַקט אַ קויל.
די טויט־ניגונים האָבן זיך געזעגנט און דערווייטערט,
נאָר מיר האָט זיך געדאַכט: עס האָט פאַרשלונגען זיי מיין מויל!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ שטילקייט איז געקומען, ווי פון אויסגעריבטע נעסטער,
און אין דער מיט פון שטילקייט — איז געשמידט געווען די וואָר.
ווייל ניט פאַר זיך אַליין, זי האָט געליבט פאַר אַלע שוועסטער,
ווייל „אַנדערש קען דאָך גאָר ניט זיין, מיין טייערער, מיין בעסטער,
ווי ס׳קען ניט ווערן שוואַרץ די גראָע קרוין פון מיינע האָר.“

3 מאַי, 1942.

# צוויי סטראָפן

1

ניט זאָג: די צייט איז שולדיק. צייט איז בלויז אַ שפּיגל,
צעשפּליטערסט זי אין טעג און נעכט און אייביק בלייבט זי גאַנץ.
אין איינעם אַזאַ שפּליטער נאָך צאַנקט דייַן גרינע וויגל
און גראָע האָר שוין בליען אין אַ צווייטנס גלאַנץ.

2

דערפאַר, ווייל ס׳ברענגט די ערד אויף פאַר דעם רשע עפּל —
איז ניט צו מוחל זיין די אומגערעכטע ערד.
און שולדיק איז די שווערד, וואָס בלאַנקעט אין אַ נעפּל
ווען אומגליק איז געקומען פריער ווי די שווערד.

10 מערץ, 1943.

## יעדע שעה, יעדער טאָג

יעדע שעה, יעדער טאָג, —
איז מער ניט קיין שעה,
איז מער ניט קיין טאָג.

ס'איז אַ גרייטער מזבח ביי דיר אין געביין,
וואו פאַרשלונגען ווערט אַלץ, וואָס דו פילסט, וואָס דו זעסט,
און דו זינגסט נאָך דערביי, ווען דו פרעסט זיך אַליין.

27 אַפּריל, 1943.



Нацыянальная
бібліятэка
Беларусі

1Н||537942

# גלוסט זיך מיר צו טאָן אַ תפילה...

גלוסט זיך מיר צו טאָן אַ תפילה — ווייס איך ניט צו וועמען,
דער, וואָס האָט אַמאָל געטרייסט מיך, וועט עס ניט פאַרנעמען,
ווייס איך ניט צו וועמען —
טוט דאָס האַרץ מיר קלעמען.

אפשר זאָל איך בעטן ביי אַ שטערן: „פריינט מיין ווייטער,
כ'האָב מיין וואָרט פאַרלוירן, קום און זיי אים אַ פאַרבייטער!"
אויך דער גוטער שטערן
וועט עס ניט דערהערן...

נאָר אַ תפילה זאָגן מוז איך, עמעץ גאָר אַ נאָנטער
פייניקט זיך אין מיין נשמה און די תפילה מאָנט ער,—
וועל איך אָן אַ זינען
פלאַפּלען ביז באַגינען.

17 יאַנואַר, 1942.

## פאַרברענטע פערל

ניט דערפאַר, ווייל מיינע ווערטער וואַרפן זיך
גלייך ווי הענט צעבראָכענע נאָך רעטונג,
ניט ווייל ווי צעבליצטע ציין זיי שאַרפן זיך
צו אַ לייב אין פינצטערניש, — נאָך זעטונג, —
ניט דערפאַר האָב איך דיך פיינט אין סאַמע העכסטן גרימצאָרן,
דו געשריבן וואָרט, — מיין וועלטס פאַרבייטער;
נאָר דערפאַר, ווייל דיינע שטריכן גלימצערן
ווי פאַרברענטע פערל
נאָך אַן אויסגעצאַנקטן שייטער,
און קיינער — אויך ניט איך — דורך טעג צעריבענער,
דערקענט שוין ניט די האַלדז אין פלאַם געוואַשן,
וואָס פון אַלע פריידן איז געבליבן איר
גראָ־פאַרברענט פערל אין די אַשן — — — — — — —

28 יולי, 1943.

# בלעטלעך אַש

איך וואַרעם טיי מיט דיינע בריוו, —
מיין איינציקער פאַרמעגן,
און ס׳בלייבן דינע בלעטלעך אַש
מיט גלי־ווערים באַשפּרינקלט,
וואָס איך אַליין קען לייענען, קען פרעגן:
איך וואַרעם טיי מיט דיינע בריוו,
מיין איינציקער פאַרמעגן?

זאָל שטומער זיין דער ווינט פון אַ מצבה!
זאָל מיין שאָטן מער זיך ניט באַוועגן!
איין בלאָז —
און אַל דיין היילנדיקע שיינקייט
וועט אייפערזיכטיק מאַכן אַלע וועגן.

ווי טייער ביסטו מיר אין בלעטלעך אַש,
ווי ליכטיק שטאַרבסטו אויס אין בלעטלעך אַש,
וואָס איך אַליין קען לייענען, קען פרעגן:
איך וואַרעם טיי מיט דיינע בריוו,
מיין איינציקער פאַרמעגן?

6 יולי, 1941.

# צום קינד

צי פון הונגער,
צי פון גרויסער ליבשאַפט, —
נאָר אַן עדות איז דערביי דיין מאַמע:
איך האָב געוועלט דיך איינשלינגען, מיין קינד,
ביים פילן ווי דיין גופל קילט זיך אָפּ
אין מיינע פינגער,
גלייך איך וואָלט אין זיי געדריקט
אַ וואַרעמע גלאָז טיי,
פילנדיק דעם איבערגאַנג צו קאַלטקייט . . .

ווייל דו ביסט ניט קיין פרעמדער, ניט קיין גאַסט,
אויף אונדזער ערד געבוירט מען ניט קיין צווייטן, —
נאָר זיך אַליין געבוירט מען ווי אַ רינג,
און די רינגען שליסן זיך אין קייטן.

קינד מיינס,
וואָס אין ווערטער הייסטו: ליבשאַפט,
און ניט אין ווערטער ביסטו עס אַליין,
דו — דער קערן פון מיין יעדן חלום,
פאַרהוילענער דריטער,
וואָס פון די ווינקלען פון דער וועלטס,
האָסטו מיטן וואונדער פון אַן אומגעזעענעם שטורעם
צונויפגעבראַכט, צונויפגעגאָסן צוויי
צו באַשאַפן דיך און צו דערפרייען: —

פאַרוואָס האָסטו פאַרטונקלט דעם באַשאַף,
מיט דעם וואָס דו האָסט צוגעמאַכט די אויגן
און געלאָזט מיך בעטלערדיק אין דרויסן
צוזאַמען מיט אַ וועלט אָן אויסשנייטער,
וואָס דו האָסט אָפּגעוואָרפן אויף צוריק?

דיך האָט ניט דערפרייט קיין וויג,
וואָס יעדע איר באַוועגונג
באַהאַלט אין זיך דעם ציטער פון געזאַנג.
עס מעג די זון זיך אויסשטעכן די אויגן —
ווייל קיינמאָל האָסטו ניט געזען איר ליכט.
אַ טראָפּן סם האָט אויסגעברענט דיין גלויבן,
דו האָסט געמיינט:
ס'איז וואָרעם־זיסע מילך.
— — — — — — — — — — — — — — — —
איך האָב געוועלט דיך איינשלינגען, מיין קינד,
כדי צו פילן דעם געשמאַק
פון מיין געהאָפטער צוקונפט.
אפשר וועסטו בליען ווי אַמאָל
אין מיין געבליט.

נאָר איך בין ניט ווערט צו זיין דיין קבר.
וועל איך דיך אָוועקשענקען
דעם רופנדיקן שניי,
דעם שניי — מיין ערשטן יום־טוב,
און וועסט זינקען
ווי אַ שפּליטער זונפאַרגאַנג
אין זיינע שטילע טיפן
און אָפּגעבן אַ גרוס פון מיר
די איינגעפרירטע גרעזלעך — — — —

18 יאַנואַר, 1943.

# ווי אַזוי ?

ווי אָזוי און מיט וואָס וועסטו פילן
דיין בעכער אין טאָג פון באַפרייאונג ?
ביסטו גרייט אין דיין פרייד צו דערפילן
דיין פאַרגאַנגענהייטס פינצטערע שרייאונג
וואו עס גליווערן שאַרבנס פון טעג
אין אַ תהום אָן אַ גרונט, אָן אַ דעק ?

דו וועסט זוכן אַ שליסל צו פּאַסן
פאַר דיינע פאַרהאַקטע שלעסער.
ווי ברויט וועסטו בייסן די גאַסן
און טראַכטן: דער פריער איז בעסער.
און די צייט וועט דיך עקבערן שטיל
ווי אין פויסט אַ געפאַנגענע גריל.

און ס'וועט זיין דיין זכרון געגליכן
צו אַן אַלטער פאַרשאָטענער שטאָט.
און דיין דרויסיקער בליק וועט דאָרט קריכן
ווי אַ קראָט, ווי אַ קראָט — — — — — —

14 פעברואַר, 1943.

# נאָכן טויט

איז הייסט עס, געגוגיק דער שטאָך פון אַ בלייכל
עס זאָל דיך אין מיטן דערינען פאַרראַטן
די זון אויף דער לאַנקע, דיין ליבלינג דאָס טייכל,
די פרוי וואָס ליבסט און דיין אייגענער שאָטן?

אַזוי טאַקע הייסט עס. דאָס איז די באַלוינונג
פאַר דרייסיק יאָר זיין מיט גורל אויף מעסערס.
איך ווייס ניט ווי טייער עס קאָסט מיר די וואוינונג, —
איך צאָל מיט מיין לעבן ווייל כ׳האָב ניט קיין בעסערס.

אַ ליגן, עס טינטלען פאָעטן אַ ליגן,
אַז טויט, מיינע פריינט, איז אַזאַ און אַ זעלכער!
איך זופּ דאָך אַצינד זיין פאַרשאָלטענעם ניגון
און ווייס, אויף מיין ערן־וואָרט, וואָסער און וועלכער.

און נאָך אַ זאַך ווייס איך: מיין גייסט איז, אַשטייגער,
ניטאָ. נאָר מיין גוף בייט ניט איבער זיין פאָרעם, —
פאַרוואָס אָבער קלאַפּט אויף מיין האַנט נאָך דער זייגער,
ווען צייט איז ניט נייטיק שוין מער אין די קברים?

צי וויל ער מיר ווייזן: פון יענער־וועלט, — אויבן
געהערט מיר אַ שטיקל באַוועגונג אויך דאָרטן?
ווי שווער מיר איז איצטער צו גלייבן אָן גלויבן
אַז עמעץ באַדאַרף עס אַזוי און ער פאָדערט!

ווי שווער איז דאָ שטענדיק צו ליגן פאַרפּאַרעצט,
ניט רעדן, ניט שרייבן, בלויז ליגן פאַרלאָשן.
איך טרוים שוין ניט מער ווי געוועזן, איך וואָר איצט,
די שטילקייט, וואָס פרעסט זיך אַליין, איז מיין לשון.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך זע איצט מיין לעבן — ווי כ׳וואָלט דורך אַ שפּעלטל
געקוקט אויף אַ זונפאַרגאַנג ביז ער פאַרנידערט —
און עפּעס צערינט דורך די פינגער דאָס וועלטל
מיט וועלכן עס ווילט זיך צוריק זיין פאַרברידערט.

מאַי, 1942.

# זאַנגען

צוויי יאָר, צוויי יאָר האָב איך געבענקט נאָך זאַנגען,
נאָך שטילע זאַנגען אויף אַ היימיש פעלד,
ווען איך האָב זיך געראַנגלט אין די צוואַנגען
וואָס האָבן מיך געפאַנגען
און פאַרשטעלט,
דעם וועג,
דעם ווייסן וועג צו יענע זאַנגען,
נאָר ניט די זאַנגען גופא אויפן פעלד.

די זאַנגען גופא — בליענדיקע בליצן,
זיי האָבן מיך באַשיצט מיט זייער שיין
פון ווייט-ווייט-ווייט,
ווי נאָר עס קען באַשיצן
אַ פעלד מיט זאַנגען . . .
און אַריין, אַריין
אין האַרץ, אין מוח, אין מיין בלוטס געזאַנגען,
אין חלום — דעם געפלאַצטן בוטל ווייץ.

און מיטן זעלבן אומגעדולד און לאָקער
ווי איך האָב געוואָרט צו זיין באַפרייט —
האָט מיך אויך געצויגן צו דעם זאַנגענדיקן מקור,
הינטער געלן טויער
ווייט דאָרט, ווייט,
זיך צו וויגן, ליגן אין די זאַנגען —
אין גאָלדן קינדערוויגל פון מיין צייט.

און ווען מיין אָטעם האָט צעשמעלצט די צוואַנגען —
אַ ווינט האָט אין די אָדערן
געטאָן אַ פייף, אַ רוף:
— „שטיי־אויף, בן אדם, גיי צו דיינע זאַנגען,
געגליכן איז שוין צו אַ זאַנג דיין גוף.“
און איך בין ווי דער גורל גייט געגאַנגען
דורך פאַרברענטע שטעט
נאָך יענעם רוף.

נאָר ווען איך בין דורך זונפאַרגאַנג אַ מידער
געקומען צו מיין אויסגעבענקטן פעלד —
ערשט עס ליגן דאָרטן מיינע ברידער
אויסגעקוילעט איבער גאָרן פעלד, —
און די זאַנגען מיט צעגליטע שטעכער,
אַדורכגעוואַקסן זיינען שיכט נאָך שיכט
דורך שאַרבנס, ריפּן...
און זיי שטייגן העכער, העכער, העכער,
צו דער זון וואָס קלייבט צונויף איר ליכט,
ווי איין זאַנג וואָלט דער צווייטער בחיפזון
געוואָלט אַריבערשטייגן אין איר גאַנג,
און אָט אַ זאַנג
האָט וואָגלען זיך געלאָזן
דורך אַ מויל מיט אויפגעדריקטע ציין!
און זאַנגען צוויי — דורך אויגנלעכער גראָמע . . .
און נאָך אַ זאַנג — דורך קינדערשן געוויין,
און אַ קאָרבלימל — דורך אַ ייניקער נשמה. — — — —

און דורכן פעלד, אין אָונט־שיין צעבליטער,
איך האָב דערזען, דערזען אין העלער הויט:
אַלץ נעענטער צו מיר עס איילט אַ שניטער,
און שניידט דאָס נאָך־מלחמהדיקע ברויט.

29 סעפּטעמבער, 1942.

# אויפֿן טויט פֿון יעקב גערשטיין *)

מיר האָבן שוין אַדורכגעזשאַווערט אַלע זיבן טויטן,
און זעען ניט דערפֿאַר די שווערד, וואָס פֿאָכעט נאָך צוקאָפּנס.
און אַלע אונדזערע געפֿילן זײַנען ליכט אָן קנויטן,
וואָס קענען זיך ניט אָנכאַפּן, — נאָר שמעלצן זיך אין טראָפּנס.

נאָר גלײַך עס וואָלטן פּלוצים וועגט אונדז אָפּגעשיט מיט ציגל,
האָבן מיר זיך אויפֿגעוועקט בשעת דו ביסט אַנטשלאָפֿן,
און קלאָר דערזען דאָס פּנים פֿונעם ווייטיק ווי אין שפּיגל,
די סאַרפּעדיקע לאַטע־וואונד, אָן הילע, נאַקעט, אָפֿן.

אינאיינעם האָבן מיר געוועבט דעם אויפֿשטאַנד פֿון די טענער,
אינאיינעם אָפּט געפֿאַלן אונטער געטאָדיקע האָרבן;
און אַלץ האָט זיך געדאַכט, אַז דו, דער שטאָלצסטער פֿון די מענער,
וועסט בײַקומען די שונאים — נאָר דו ביסט פֿאַרבליבן קרבן.

און מיר, וואָס גוססן נאָך אַלץ געבויגן אַרום אָרון,
פֿאַרנעמען, ווי דײַן אײַנגעקלעמטער שווײַגן מאַכט אונדז פֿעסטער.
מיר וועלן היטן טרײַ אין אונדזער האַרצן אָט דעם צאָרן,
ווי טרײַ דיך האָט געהיט דײַן טרײַע שוועסטער.

---

*) אַ באַוואוסטער ווילנער לערער, מוזיקער און געזעלשאַפֿטלעכער טוער.

ווען ס'וואַלט דיין שיינער קאָפּ געפאַלן אין אַ צייט אַן אַנדער —
וואָלטן מיר דיין בלומען־גוף געטראָגן צו פאַרזייען . . .
און ווי דער וואַנדער פון מוזיק — אַזוי דיין לעצטער וואַנדער
באַגלייט פון קינדער גאַנצענע אַרמייען.

איצט קענען מיר אַפילו ניט באַגלייטן דיין געביין מער,
און ניט קיין וואָרט דיר מיטגעבן, וואָס זאָל באַלייכטן יאָרן.
דו איילסט אַליין, וואו דיינע זינגער ליגן אונטער ביימער,
און מיר פאַרבלייבן דאָ, און אָטעמען דיין צאָרן.

28 סעפּטעמבער, 1942.

# יהואש

(צו די יהואש-פייערונגען אין געטאָ)

די ערד, — אַ בלינדער זשיפּענדיקער שטראָם, —
און אויפן שטראָם — אַ בינטל קראַנקע הייזער
ווי רעשטלעך פון אַ שיף...
אין זייער טיף —
נשמות פון אַרויסגעהויכטע שעהן.
און קינדער אין די ווינקלען —
גראָע טויבן אין אַ שטורעם,
פאַרקלאַמערטע אין זייער לעצטער מידקייט.

דאָס בינטל הייזער טראָגט זיך שטראָם אַראָפּ,
אַנטקעגן קאָכט אַ קעסלגרוב
מיט יעדן בליק אַלץ נענטער.
געזעגענונג,
און פלאַצעניש פון מאַרגנס,
ווערטער שיידן זיך מיט זאַכן ערב זייער סוף.

נאָך אַ רגע,
נאָך,
און
מיט אַ מאָל —
אַ נאָמען הייליק־אויסגעשמידט פון אַלטן גאָלד:
יהואש.
און שוין פאַרגייט מיט קאַרשנבליטן
דער פאַרשמאַכטער טרויער...

קוואַלן בלאָ, מיט זונען אויף די דעקן,
שנירלען זיך פאַרביי די נאַכטיק־פלאַטערדיקע שויבן
און וואַרטן מע זאָל עפענען . . .
און אַנשטאָט גרוב און קעלער —
טורעמט צווישן צעדערן אַ טעמפּל
מיט זיילן אויסגעקנאָטענע
אויס דעם געביין פון דורות. — — —

סאַראַ מאַכטיק־אויפגעוואַכטער יום־טוב!
סאַראַ ליכטיק־ריכטיקע דערקענטשאַפט!
יעדער פון די גוססדיקע קינדער אין די ווינקלען —
אַ נייער מענטש מיט לויטער האַרץ און פּנים,
געוואַשן אינעם ערשטן טוי
פון שנייאיק־ווייסע רויזן . . .
און אויף די ליפּן —
בענטשונג און נבואה,
איינגעוועבט מיט זעאונגען
פון אויסגעלייזטער פרייד,
פון יובעלדיקן פאָלק . . .

דער טויט אַליין דערשרעקט זיך פאַר דער שיינקייט,
און טרייבט אַוועק צוריק
זיין בלאַטיק־רויכערדיקן קעסל — — — —

6 אַפּריל, 1943.

## פ אַ ר נ אַ כ ט

. . . זיי ציען זיך, שאַרן, אין רייען, אין פֿאַלקן,
איך זע מער ניט קיינעם, נאָר פיל זייער גאַנג.
ווי פייגל אין פלאַטער פון הינטער אַ וואָלקן —
געשטאַלט נאָך געשטאַלט מיט באַזונדערן קלאַנג.

דורך מיר, דורך מיין האַרץ זיי ציען זיך אַלע,
און יעדער געפינט דאָרט זיין חלום און — זיך.
און ס׳ווערט מיר אין ליכט פון מיין בלינדקייט נתגלה
פון וויפיל נשמות געקלעפּט איז מיין איך.

10 יאַנואַר, 1943.

# קערנדלעך ווייץ

היילן, דערלאַנגט זיך אַן עפן,
צעשפּאַלט זיך פון אונטער מיין האַק!
איידער די קויל וועט מיך טרעפן —
איך ברענג אייך מתנות אַ זאַק.

אַלטינקע, תכלתענע דפן
מיט פורפור אויף זילבערנע האָר,
ווערטער אויף פּאַרמעט, געשאַפן
דורך טויזנטער גרויזיקע יאָר.

— ווי ביים באַשיצן אַן עופל
איך לויף מיטן יידישן וואָרט,
נישטער אין איטלעכן הייפל,
דער גייסט זאָל ניט ווערן דערמאָרדט.

שטרעק איינעם שייטער די אָרעמס
און פריי זיך: דער עיקר איז דאָ!
מיינס איז נאָך אַמסטערדאַם, וואָרעמס,
ליוואָרנע, מאַדריד און ייוואָ . . .

אָ, ווי מיך פייניקט אַ שיימע
פאַרטראָגן אין רויכיקן ווינט!
ס׳וואַרגן מיך לידער געהיימע:
— באַהאַלט אונדז אין דיין לאַבירינט!

גראָב איך און פלאַנץ מאַנוסקריפּטן . . .
און ווען ס׳טוט דער יאוש אַ פלייץ,
קומט מיר אין זינען: עגיפּטן,
אַ מעשה מיט קערנדלעך ווייץ.

און פאַר די שטערן דערצייל איך:
אַמאָל האָט ביים נילוס געבויט
זיין פּיראַמידע אַ מלך,
צו קיניגן דאָרט נאָכן טויט.

און אין זיין גילדערנעם ארון
האָט ער זיינע דינער באַפעלט,
אָנשיטן ווייץ — לזכרון
פון אונדזער, דער ערדישער וועלט.

ניין טויזנט יאָר האָבן זתען
געביטן אין מדבר דעם גאַנג,
ביז מ׳האָט די קערנער געפונען
אין דער פּיראַמידע ניט לאַנג.

ניין טויזנט יאָר שוין פאַרגאַנגען!
נאָר ווען מ׳האָט די קערנער פאַרזייט, —
האָבן אין זוניקע זאַנגען
צעבליט זיך אַ בייט נאָך אַ בייט.

— — — — — — — — — — — — —

אפשר אויך וועלן די ווערטער
דערוואָרטן זיך ווען אויף דאָס ליכט —
וועלן אין שעה אין באַשערטער
צעבליען זיך אויך אומגעריכט?

און ווי דער אוראַלטער קערן
וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין זאַנג, —
וועלן די ווערטער אויך נערן,
וועלן די ווערטער געהערן
דעם פאָלק, אין זיין אייביקן גאַנג.

מערץ, 1943.

# דער דיכטער

ער איז געלעגן אונטער טויזנט גופן,
מיט הייסן טריוואָקס אויפן קאַלטן אָטעם.
האָט מיטאַמאָל אַ ניגון אים גערופן
און דורכגעגליט דאָס האַרץ ווי אַ געבאָט אים.

דאָס האָט זיין ניט געבוירן ליד זיין היטער,
געמאָנט, געמאָנט פון חלום־לאַנדס געוועבן:
— „שטיי־אויף, דו ביסט מיין האַר און מיין געביטער,
אַ, ווער אַן דיר וועט ברענגען מיך צום לעבן?"

און ווי עס איז דערגאַנגען צו דעם דיכטער
דער אונטערקלאַנג פון ווערטער, שורות, גראַמען,
האָט אים באַקרוינט אַ טוי אין זיבן ליכטער:
— „דערוואַך! ווי טאָר אַן אויסלייזער פאַרזאַמען!"

די טויזנט גופן ווי פאַרפלייצטע זאַנגען
זיי האָבן זיך צעשפּאָלטן אויפגערירטע,
און ער איז פון דער אונטערערד געגאַנגען
אַ נאַקעטער און אויפן שלייף אַ מירטע...

זיין הויט — ווי רויטער ווייַנטרויב קעגן פייער —
האָט ראַז באַמאָלט די וואָלקנדלעך אין הימל.
נאָר אויף די הענט, אין ליבשאַפט אין געטרייער —
עס צוקט אַ מיידל איינגעוועבט אין דרימל.

אַ שנירל גלינק זאַמד און ניט קיין פּערל
האָט פון איר האַלדז געפינקלט זון אַנטקעגן.
און צווישן צאַרטע וויעס האָט אַ טרערל
די פליגעלעך צעפּאַכט — זיך צו באַוועגן.

נאָר ער האָט אַלץ געמיינט — דאָס איז דער ניגון...
און אָט דער ניגון איצטער בלוט און פלייש איז.
האָט ער גענומען שטאַרקער אים צעוויגן,
און ס'האָט באַגאַרטלט זיי אַ ווינט פון בראשית.

12 אויגוסט, 1943.

IH//537942(033)

# דער נביא

ער איז געווען דער בראַנדז־געשמידטער טויער
וואָס האָט פאַרטיידיקט ס׳לעצטע קינד אין פעסטונג.
און ווען אַ שפּיז האָט דורכגעהאַקט זיין ברוסט
און פונק אַנטקעגן פונק האָט זיך געלאָשן, —
איז ער געבליבן הענגען אין דעם איינגאַנג
פאַרעקשנט ווי אַ פעלז אַריבער אָפּגרונט
און אויך אַצינד ניט צוגעלאָזן קיינעם.

נאָר אַז פון די צעפּראַלטע אַמבראַזורן
האָט ווי מוראַשקע־שטראָמען שוואַרץ גערינזלט
צעזאָדן בלוט אויף וואַקלדיקע ווענט —
און דאָס געוויין פון קינד האָט זיך געצאַפּלט
און אויסגעגאַנגען ווי אַ זומערפאָדים —
אָט דעמאָלט איז געפאַלן אויך דער נביא
און מיטגעשלעפּט מיט זיך אַ פליגל פעסטונג...

און ווי ער איז געלעגן — ערשט אַ שפּאַרבער
האָט דריי מאָל אים אַרומגעקרייזט, גענידערט,
פאַרקלאַמערט אין דעם נביאס האַרץ די קלאָען
און מיטן שפּיציק־אָנגעגליטן שנאָבל
גענומען פּיקן די פאַרנעצטע אויגן.

און איך, וואָס בין געווען דערפון דער עדות,
און האָב געאיילט צום אָפּיאָגן דעם שפּאַרבער —
געזען האָב איך אַזוינס: אין שאַרפן שנאָבל
געפינקלט האָט דעם נביאס גרויסע אויגן;
און ווי כ׳האָב זיך דערנענטערט, האָט דער פויגל
אַ שניט געטאָן דריי צויבערקרייזן ווידער
און ס׳אויג איז גלייך אין מיינס אַריינגעפאַלן
ווי ס׳פאַלט אַריין אַ זונענשטראַל אין וואַסער...

16 אויגוסט, 1943.



Нацыянальная бібліятэка Беларусі

# ביסט דאָ!

ביסט דאָ, ביסט דאָ! ביסט לעבעדיקער קערן
אין טויטער שאָל פאַרוויקלט ווי אַן איי.
ביסט דאָ, ביסט דאָ! און וועסט אַ הילף מיר ווערן
בשעת דיך וועט דערוואַרעמען מיין וויי.
כ׳בין נאַקעט אויפן פראָסט. און זע, איך וואַרעם
דיין טויטע שאָל: דערבאַרעם זיך, דערבאַרעם!

און דו וועסט דאָך זיך מוזן טאָן אַן עפן
און פריי זיין אויס די קלאַמערן פון וואָרט,
וועט דיין בליק דעמאָלט זיך מיט מיינעם טרעפן
און בלייבן הענגען צווישן מיר און — מאָרד.
און זיך אַליין וועסטו צום נס באַשווערן
ווי איצטער איך, מיט וואַרעמקייט פון טרערן.

עס אײלט דער טויט, אויף קוילן־שאַרפן רייט ער
צום דורשטעכן אין מיר מיין העלסטן טרוים.
אַ רגע — און איך ליג שוין אַ פאַרבלייטער
אויב דו וועסט ניט פאַרלויפן, זיין אַ צוים.
פאַרלויף דעם וועג! אויב ניט, וועט דיר פאַרדריסן,
ווייל אויך אַ נס מוז האָבן אַ געוויסן...

23 נאָוועמבער, 1942.

11039

IH//537942(039)

## אויסגאַבעס פון איקוף

### לידער און פּאָעמעס

חיים גראַדע — דורות (לידער און פּאָעמעס) — — — — — $1.75
דוד האָפּשטיין — איך גלויב (לידער) — — — — — — — 1.50
ז. ווײַנפּער — דאָס געזאַנג פון אַ גלויביקן — — — — — 1.50
דאָרטע טייטלבוים — אינמיטן וועלט (לידער) — — — — 1.00
מלכה לי — קינות פון אונדזער צייט (לידער) — — — — 1.25
א. סוצקעווער — די פעסטונג (לידער און פּאָעמעס) — — — 1.00
איציק פעפער — שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ (פּאָעמע) — 1.00

### דערציילונגען און ראָמאַנען

שלום אַש — דער תהילים-ייד (ראָמאַן) — — — — — — 3.00
שלום אַש — דער מאַן פון נצרת (ראָמאַן אין 2 בענד) — 3.00
ש. אָפּטער — דער בונט און אַנדערע דערציילונגען — — .25
ראובן ברייַנין — פון מיין לעבנס-בוך — — — — — — 3.00
מ. גאָלדשטיין — בירא-בידזשאַנער אויפן אַמור און אַנד. — 1.00
ז. ווײַנפּער — אויף די זאַמדן פון יהודה (ראָמאַן) — — 2.00
דער נסתר — די משפחה מאַשבער (ראָמאַן) — — — — — 1.75
ב. עפּעלבוים — פּאַרלאָשן ליכט (דערציילונג) — — — — 1.00
ל. קאָברין — ריווערסייד-דרייוו (דראַמע אין 3 אַקטן) — .25
לעאָ קאַץ — נקמה (ראָמאַן), יידיש י. ס. — — — — — — 2.50
א. ראַבאַי — דער יידישער קאָובאָי (ראָמאַן) — — — — — 1.50
א. ראַבאַי — איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע (ראָמאַן) — 1.50
א. ראַבאַי — מיין לעבן — — — — — — — — — — — 2.00

### קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

מ. אָלגין — פאָלק און קולטור — — — — — — — — — .20
נ. בוכוואַלד — טעאַטער — $2.25 דע-לוקס אויסגאַבע — 3.50
אברהם ביק — חסידות-מאָטיוון אין דער ייד. ליטעראַטור 1.00
מ. ווינער — ייד. ליטעראַטור אין 19טן י"ה (1טער באַנד) 2.50
דר. חיים זשיטלאָווסקי — ייד און מענטש — — — — 2.50
דר. חיים זשיטלאָווסקי — דער זין פון מענטשלעכן לעבן — 2.50
דר. ח. זשיטלאָווסקי — אונדזער נייער קולטור-ווילן — — .20
נחמן מייזיל — בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ — — — 3.00
נחמן מייזיל — י. ל. פּרץ (זיין לעבן און שאַפן) — — 2.50
נ. מייזיל — דורות און תקופות אין דער ייד. ליטעראַטור— .25
יעקב מעסטעל — אונדזער טעאַטער — — — — — — — 1.00
קלמן מרמר — אָנהייב פון ייד. ליטעראַטור אין אַמעריקע— 1.00
פר. ענגעלס — לודוויג פייערבאַך (איבערגעזעצט ש. ווינער) 1.00
איליאַ ערענבורג — דער קריג און דער שרייבער — — — .10
ח. קאַטיליאַנסקי — פאָלקס-געזאַנגען (מיט נאָטן) — — 5.00
י. א. ראָנטש — אַמעריקע אין דער יידישער ליטעראַטור — 2.00
אַלוועלטלעכער יידישער קולטור-קאָנגרעס — — — — — .50
קעגן די אָנפאַלער אויף דר. ח. זשיטלאָווסקי (זאַמלונג) — .35

YKUF, 189 Second Avenue, New York 3, N. Y.